**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אין שפיץ פון אומפארטייאישע קאאליציע פון גאווערנערס צו שטיין אין סאלידאריטעט מיט מדינת ישראל**

***גאווערנער האקול ברענגט צוזאם פירער פון 17 סטעיטס צו דייטליך פארדאמען די כאמאס טעראר אטאקעס און צו אפפערן שטיצע פאר מדינת ישראל***

***גאווערנערס וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט די סטעיט דעפארטמענט צו זיכער מאכן אז אמעריקאנער קערן זיך אהיים זיכערערהייט***

***בריוו קומט אזוי ווי גאווערנער האקול פלאנירט צו רייזן דעם וואך קיין מדינת ישראל זיך צו טרעפן מיט דיפלאמאטישע פירער און קאמיוניטיס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די אטאקעס***

***דער בריוו קען געלייענט ווערן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט אנגעפירט אן אומפארטייאישע קאאליציע פון 17 גאווערנערס צו שטיין אין סאלידאריטעט מיט מדינת ישראל, ארויסגיבנדיג א [געמיינזאמע בריוו](#) צו פעדעראלע פירער צו אויסדרוקן בררייטע שטיצע פאר מדינת ישראל און א פארדאמונג פון טעראר אטאקעס דורך כאמאס. די גאווערנערס האבן אויך ווידערהאלט זייער איבערגעגעבנקייט צו ארבעטן מיט די פאראייניגטע שטאטן סטעיט דעפארטמענט צו פארזיכערן אז אמעריקאנער קערן זיך צוריק אהיים זיכערערהייט.

"די קשרים צווישן אמעריקע און מדינת ישראל קענען נישט געבראכן ווערן — היינט און אייביג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלס די גאווערנער פון די גרעסטע אידישע באפעלקערונג אינדרויסן פון מדינת ישראל, אנערקען איך אז מיר האבן אן אייגנארטיגע און ערנסטע פאראנטווארטליכקייט צו שטיצן מדינת ישראל דורכאויס דעם קריטישן מאמענט. איך בין שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט די אנדערע גאווערנערס צו ארויסווייזן אונזער שטיצע פאר מדינת ישראל, און איך בין דאנקבאר פאר מיינע קאלעגן פאר זייער שטייפע מאראלישע פירערשאפט."

גאווערנער האקול'ס אומפארטייאישע בריוו איז די לעצטע טריט וואס זי האט אונטערגענומען צו ווייזן סאלידאריטעט מיט די מענטשן אין מדינת ישראל נאכפאלגנדיג די כאמאס טעראר אטאקעס. אין צוגאב פלאנירט די גאווערנער [צו רייזן](#) קיין מדינת ישראל די וואך זיך צו טרעפן מיט דיפלאמאטישע פירער און קאמיוניטיס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די שוידערליכע כאמאס אטאקעס.

גאווערנער האקול איז געשטאנען אין שפיץ פון ניו יארק'ס אנטווארט צו דעם קריזיס אין מדינת ישראל, [אפפערנדיג](#) שטיצע פאר מדינת ישראל פרעזידענט יצחק הערצאג און [זיך טרעפנדיג](#) מיט מדינת ישראל'ס יו. ען. אמבאסאדאר, גלעד ערדאן. זי האט זיך באטייליגט ביי פילע דעמאנסטראציעס און ראליס אין

שטיצע פון מדינת ישראל, פון אלבאני ביז ניו יארק סיטי. די גאווערנער האט אויך באלאכטן די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן אין בלוי און ווייס, די קאלירן פון די פאן פון מדינת ישראל, ארויפגעהויבן די פאן פון מדינת ישראל העכער די גאווערנער'ס וואוינונג אין אלבאני און פאראָרדנט אז פענער אויף סטעיט געביידעס זאלן אראפגעלאזט ווערן צו האלב הייעך אין עהרע פון די קרבנות פון די כאמאס טעראר אטאקעס.

די פולע נוסח פון די בריוו איז ווי פאלגנד:

*לכבוד ספיקער מעקהענרי, פירער שומער, פירער דזשעפריס און פירער מעקקאָנעל:*

*אלס גאווערנערס פארטרעטנדיג מער פון 144,000,000 אמעריקאנער, שטייען מיר מיט מדינת ישראל און מיר טוהען קאטעגאריש פארדאמען די פאראכטיגע אקטן פון קריג און טעראר דורכגעפירט דורך כאמאס אום שבת, אקטאבער 7, 2023, וואס האבן שוין געקאסט די לעבנס פון הונדערטע אומשולדיגע מענטשן אין מדינת ישראל. אין די טעג זינט די ערשטיגע אטאקעס, האבן מיר זיך אנגעשלאסן מיט מיטגלידער פון אונזערע קאמיוניטיס צו באוויינען און דאווענען, און מיר האבן צוגעזעהן ערשטהאנטיג די טיפע עמאציאנאלע פרייז וואס די שרעקליכע רשעות האט גענומען פון אזויפיל מענטשן. מיר ווייסן אויך אז עס זענען דא עטליכע אמעריקאנער וועלכע זענען שוין פעסטגעשטעלט געווארן צו זיין געהרג'ט אלס רעזולטאט פון די געוואלדטאטן, און מיר ווייסן אז די ציפער וועט ווארשיינליך שטייגן אין די בעפארשטייענדע טעג.*

*מיר שטייען פאראייניגט אין שטיצע פון מדינת ישראל אין אירע באמיאונגען צו פארזיכערן אז די משכונות ווערן צוריקגעקערט זיכערערהייט און צו פארזיכערן די אנגייענדע זיכערהייט פון אירע מענטשן. מיר לויבן אויס פרעזידענטביידן פאר זיין שנעלע אנטווארט ביים צושטעלן מער מיליטערישע הילף פאר מדינת ישראל, ווי אויך מיטגלידער פון קאנגרעס פוןביידע פארטייען — פאר זייער דייטליכע סטעיטמענטס אין שטיצע פון מדינת ישראל. מיר רופן פאר באלדיגע און פארגרעסערטע הילף פון די פאראייניגטע שטאטן פאר מדינת ישראל אין די בעפארשטייענדע וואכן און חודשים. מיר רופן אויך אויף די סענאט צו שנעלערהייט באשטעטיגן נאמינירטע צו וויכטיגע דיפלאמאטישע ראלעס אין דעם ראיאן, אריינרעכענענדיג אמבאסאדאר ראלעס אין מדינת ישראל, עגיפטן, לבנון, אמאן און קואוועיט, און אזוי אויך זיך צו פאראויס רוקן מיטן איבערקוקן אלע מיליטערישע נאמינאציעס און פעדערונגען וואס ווארטן צו דורכגעפירט ווערן כדי צו זיכער מאכן אז אונזערע מערסטע ערפארענע פירער ערפילן די וויכטיגסטע דזשאבס פאר אונזער נאציאנאלע פארטיידיגונג.*

*יעדער פון אונז האט אונטערגענומען שריט, יעדער אין זיין סטעיט, צו פארשטערקערן די סעקיוריטי פאר אידישע קהילות און ביי אידישע געבעט הייזער. נעמנדיג אין באטראכט די זארגן און די אויפשטייג פון אנטיסעמיטיזם ארום דאס לאנד, זאל קאנגרעס פארזיכערן פינאנצירונג פאר סטעיטס און לאקאלע רעגירונגען צו שטיצן אקטיוויטעטן און פראגראמען צו זיכער מאכן אז מיטלען צו באהיטן געבעט הייזער און רעליגיעזע גרופעס זענען דא צו באקומען צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם דא אינדערהיים. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו האלטן אן אויג איף פאטענציאלע סכנות דא אין לאנד און צו צושטעלן שטיצע פאר קאמיוניטי פירער ווי נויטיג.*

*מיר שטייען גרייט צו צושטעלן נאך שטיצע פאר מדינת ישראל און צו ארבעטן מיט די פאראייניגטע שטאטן סטעיט דעפארטמענט כדי צו פארזיכערן אז די אמעריקאנער אין מדינת ישראל קערן זיך צוריק אהיים זיכערערהייט. אונזערע תפילות בלייבן מיט די וועלכע זענען פארלוירן געווארן, זייערע באליבטע, די מענטשן פון מדינת ישראל און די אידישע קאמיוניטי אריבער די וועלט.*

*אונטערגעשריבן,*

*גאווערנער קעטי האקול, סטעיט אָוו ניו יארק*

*גאווערנער געווין ניוּסאָם, סטעיט אָוו קאליפארניע*

*גאווערנער דזשערעד פּאליס, סטעיט אָוו קאלאראדאו*

*גאווערנאר נעד לעימאָנט, סטעיט אָוו קאנעטיקוט*

*גאווערנער דזשאן קארני, סטעיט אָוו דעלעווער*

*גאווערנער JB פריצקער, סטעיט אָוו אילינוי*

*גאווערנער לאורע קעלי, סטעיט אָוו קענסאס*

*גאווערנער וועס מוּר, סטעיט אָוו מערילענד*

*גאווערנער מאורא היעלי, סטעיט אָוו מעסעטשוסעטס*

*גאווערנער טים וואַלז, סטעיט אָוו מינעסאָוטע*

*גאווערנער פיל מוירפי, סטעיט אָוו ניו דזשערסי*

*גאווערנער מישעל לוּדזשאַן גרישעם, סטעיט אָוו ניו מעקסיקאו*

*גאווערנער ראָי קוּפּער, סטעיט אָוו נארט קעראליינע*

*גאווערנער דזשאַש שאפירא, סטעיט אָוו פענסילוועיניע*

*גאווערנאר דען מעקקי, סטעיט אָוו ראוד איילענד*

*גאווערנער ספּענסער קאַקס, סטעיט אָוו יוטא*

*גאווערנער פיל סקאט, סטעיט אָוו ווערמאנט*

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418